בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת יתרו תשע"ו** גליון 345 [שנה ח']


### שבע שמות נקראו ליתרו

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ: (יח א) זאגט רש"י שבע שמות נקראו לו, רְעוּאֵל יֶתֶר יִתְרוֹ חוֹבָב חֶבֶר קֵינִי פּוּטִיאֵל ע"ש. פרעגט דער ר' אליהו מזרחי פארוואס שטייט אז ער האט געהאט זיבן נעמען, ווען עס איז נאר זעקס, ווייל יֶתֶר איז דאך יִתְרוֹ נאר צו געלייגט א וא"ו, פונקט ווי ביי אַבְרָהָם וואס האט פריערט געהייסן אַבְרָם און נאכדעם אַבְרָהָם, און קיינער וועט נישט זאגן אז אַבְרָהָם האט צוויי נעמען אַבְרָם און אַבְרָהָם? נאר מען קען ענטפערן און מאכן א חילוק פון אַבְרָהָם און יִתְרוֹ, ווייל מיר טרעפן אין דברי הימים (א פרק ב לב) אז איינער הייסט יֶתֶר, און אויב יֶתֶר איז יִתְרוֹ פארוואס רופט מען אים מען יֶתֶר? איז א ראיה אז עס איז דא א נאצען יֶתֶר און יִתְרוֹ, האט ער טאקע זיבן נעמען, משא"כ ביי אַבְרָהָם שטייט בפירוש אז אפילו מען האט אים געגעבן א נאמען אַבְרָם: אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בְּאַבְרָם וְהוֹצֵאתוֹ מֵאוּר כַּשְׂדִּים, אבער וְשַׂמְתָּ שְׁמוֹ אַבְרָהָם, (נחמיה ט ז) זיין נאמען וועט זיין אַבְרָהָם און איז געבליבן נאר מיטן נאמען אַבְרָהָם. [אויך קען מען צו לייגן ווייל די גמ' (ברכות דף יג.) זאגט כל הקורא לְאַבְרָהָם אַבְרָם עובר בעשה שנאמר (בראשית יז, ה) וְהָיָה שִׁמְךָ אַבְרָהָם, ממילא ביי אַבְרָהָם טאר מען אים נישט רופן אַבְרָם, אבער ביי יִתְרוֹ איז נישטא די עבירה פון אים רופן יֶתֶר, דעריבער הייסט דאס צוויי באזונדערע נעמען. המו"ל] (זרעו של יצחק – יצחק צדיקא)

### פארוואס פעלט אויס וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ

וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם ... וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל־הַטּוֹבָה...וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד פַּרְעֹה אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם: (י"ח ח–י) פרעגט דער הייליגער ראפשיצער זצוק"ל עס איז א שטארקע פלא אז רש"י שרייבט וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ: מה שמועה שמע ובא? קריאת ים סוף ומלחמת עמלק. אויב אזוי וואס פעלט אויס וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אזאך וואס ער ווייסט שוין? און נאך שטארקער איז שווער אז עס איז משמע אז דער בָּרוּךְ ה' איז תלוי אין דער וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ, און באמת וואלט דאס געדארפט שטיין גלייך ווען יתרו איז אנגעקומען זאל ער זאגן בָּרוּךְ ה'? נאר מיר זאגן ביים ליל הסדר ואפילו כולנו חכמים כולנו נבונים וכו' מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים, וואס דאס דארף אויך א ביאור, פארוואס דארף דער חכם דערציילן וואס ער ווייסט, זאל יענער גיין לערנען וועט ער אויך וויסן? נאר דער ענין איז ווען א צדיק רעדט און דערציילט עפעס איז ער מעורר אין די הערצער פון די צוהערער'ס צו תשובה און דביקות הבורא, ווייל א דיבור וואס גייט ארויס פון א צדיק דערוועקט די פינטל יראת שמים וואס ליגט אין יעדן. דאס איז אויך געווען ביי יתרו, ער האט טאקע אלעס געוואוסט, אבער זיין הארץ איז נישט געווארן אויפגעוועקט צו דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, ביז ווען וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה דער צדיק, לְחֹתְנוֹ, ער איז מעורר די פינטל יראת שמים אין יתרו, און ממילא זאגט שוין יתרו נאר נאך וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה, בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם. (זרע קודש ראפשיץ)

### אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם

וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד פַּרְעֹה אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם: (י"ח י) יתרו לויבט דעם אויבערשטן וואס האט געראטעוועט די אידן פון מצרים און פרעה, דארף מען פארשטיין וואס מיינט געראטעוועט פון מצרים און פרעה וואס דאס איז לכאורה איין זאך? אויך איז שווער פארוואס שטייט ענדע פון פסוק אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם און עס שטייט נישט אויך מִתַּחַת יַד פַּרְעֹה? און בכלל איז שווער אז עס שטייט שוין אז דער אויבערשטער האט געראטעוועט די אידן פון מצרים פארוואס חזר'ת איבער דער פסוק נאכאמאל אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם? דער תירוץ איז אז מצרים און פרעה זענען צוויי נסים וואס מען האט די אידן פון זיי געראטעוועט און דאס לויבט יתרו אויף די הצלה נאר יתרו האט געוואוסט די כח הכישוף פון מצרים און די גמרא (סנהדרין סז:) זאגט אין נאמען פון ר' יוחנן למה נקרא שְׁמָן מְכַשְּׁפִים, אז כישוף האט אמאל א כח צו זיין שטארקער פון פַּמַלְיָא של מעלה. און דא האט יתרו דאך געזען אז אפילו די שטארקע כח פון כישוף פון מצרים האט נישט געהאלפן אנקעגן די אידן, וועגן דעם האט ער איבער געחזר'ת מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם פון זייער כישוף, דאס זאגט דער פסוק נאכדעם עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי־גָדוֹל ה' מִכָּל־הָאֱלֹקִים, אנקעגן די גרויסע כח הכישוף, וואס דאס איז געווען בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם, וואס די מצריים האבן געוואלט טאן שלעכט'ס פאר כלל ישראל, און דער אויבערשטער האט זיי געראטעוועט. (המו"ל עפ"י ספר משגב לדך – כהן)

### בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ שֶׁעָלֶיךָ

וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם: (יח כא) זאגט רש"י ואתה תחזה: בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ שֶׁעָלֶיךָ: דורך רוח הקודש זאל משה אויסקלייבן די חכמים, איז שווער פון וואו נעמט דאס רש"י אז די כוונה איז געווען דורך רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? נאר מען קען זאגן, ווייל עס שטייט "וְאַתָּה" וואס דאס איז לכאורה איבעריג, ווייל יתרו רעדט דאך צו אים, וואלט געקענט שטיין וְתֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, און פון דעם וואס עס שטייט "וְאַתָּה" מיינט דאס נאר אזאך וואס איז צו דיר משה, וואס נאר ער קען זען דורך א העכערע כח, און א אנדערער קען נישט זען, און דאס מיינט מען מיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. (חיי יצחק יאסטמאן)

### הכרת הטוב פון א איד

א מעשה שהיה א פרוי האט געקאכט עסן פאר א יולדות פאר עטליכע טעג נאך וואס זי איז ארויס פון שפיטאל, עס איז געווען א גרויסער הילף פאר די שטוב, די יולדות האט געוואלט צוריק באצאלן יענער פרוי און האט איר איינגעלאדנט אויף די חתונה פון דעם טאכטער, אבער מיט דעם איז זי נישט געווען צופרידן אז זי האט צוריק באצאלט די טובה. 32 יאר שפעטער איז געקומען די שנור פון די פרוי אין סקול פאר ארבעט וואס די פרוי איז די מנהלת, ווען די מנהלת הערט ביי וועמען זי איז א שנור זאגט זי יעצט קען איך באצאלן איר שוויגער און גיט איר די ארבעט. שלח לחמיך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו.

### מדור העובדות

### **** ר' דוד מלעלוב זיע"א ראטעוועט זיין חסיד מיטן האלצערנעם בעכער ****

ביים הייליגן ר' דוד מלעלוב זצוק"ל איז געקומען א חסיד –וואס האט געמאכט פעל פאר מאנטלען– און זיך זייער געמוטשעט אויף פרנסה און געבעטן דעם רבין א ברכה אויף פרנסה, פרעגט אים דער רבי מיט וואס האנדעלט ער? ענטפערט ער מיט פעל. זאגט אים דער רבי ער זאל פארן אין

עפעס א שטאט און דארטן דינגען א דירה אויף א שטיק צייט און אנהייבן צו האנדלען און ארויפלייגן פעל אויף בגדים און דער אויבערשטער וועט דיר געבן גרויס הצלחה, און נאכדעם קענסטו אהיים קומען און עפענען ביי דיר אין שטאט, מיט די געלט, א פאבריק פון פעל און פרנסה וועסטו האבן בעזר השי"ת. דער חסיד וויל זיך געזעגענען פון רבין, אבער דער רבי נעמט זיך טראכטן א ווייל און פארטיפט זיך אין זיין הייליגע מחשבות. דער חסיד פארשטייט אז דער רבי פארפראוועט אים יעצט און ער איז א גליקליכער, וויל ער ווייסט אז דעם רבין'ס ברכה וועט מקויים ווערן, און ער וועט שוין זוכה זיין בקרוב צו האבן א נארמאלן פרנסה.

דער רבי קומט צו זיך און הייסט דעם חסיד ווארטן ווייל ער וויל עפעס איבערגעבן פארן חסיד, און דער רבי גייט אריין ביי אים אין צימער און ברענגט ארויס א האלצענע בעכער און גיט דאס דעם חסיד ער זאל עס מיט נעמען אויף א שמירה, און זאגט אים שטרענג אן ער זאל נישט פארגעסן פון בעכער די גאנצע צייט, און האלטן אויף זיך די בעכער ביז ער קומט צוריק אהיים, און דער רבי וואונטשט אים אן מיט הצלחה. דער חסיד ווערט שוין צומישט אויף די רייד פון רבין, אבער ער האט געהערט קלארע רייד אז ער וועט מצליח זיין און דער בעכער וועט זיין א שמירה!

דער חסיד פאלגט דעם רבין און בארגט געלט פון זיינע ידידים און נעמט א וואגן און פארט אין יענעם שטאט און דינגט א דירה און גייט אין מארק האנדלען אין פעל און אין א קורצע צייט האבן זיך מענטשן דערוואוסט פון זיין מומחה'שאפט און זיין נאמען איז געווארן צושפרייט אז ער האט גוטע פעל און מאכט א שיינעם ארבעט און די גרויסע שרים האבן געקומען צו אים און ער האט פארדינט זייער אסאך געלט. דער חסיד האט געמאכט א חשבון אז ער האט שוין גענוג געלט אויף צו עפענען א געשעפט ביי אים אין שטאט, און גרייט זיך אהיים צופארן.

דער חסיד געדענקט אלעס וואס דער רבי האט אים צו געזאגט און גיט א שבח והודאה פארן אויבערשטן אויף זיין הצלחה, ער האט שוין געהאט גענוג געלט אויף צו קויפן א פערד און א וואגן און גרייט זיך אויף אהיים צו גיין. די וועג צו זיין שטאט האט מען געדארפט דורכגיין א וואלד אבער מען האט אים געזאגט אז ביי טאג איז געוועזנטלאך נישטא קיין סכנה צו פארן אין דעם וואלד. דער חסיד פארט און שמייסט די פערד ווען פלוצלינג שטייט א וואגן אין וועג און לאזט אים נישט פארן, און קומט ארויס פון וואגן א רויבער און האפט אים אן און זאגט אים אז ער גייט אים הרגענען רח"ל! דער חסיד נעמט זיך בעטן אויף זיין לעבן און זאגט ער וועט אים געבן זיין גאנצע געלט! אבער דער רויבער וויל פון גארנישט הערן און זאגט איס אבער אז איך זע אז דו ביזט א איד, וועל איך דיר לאזן חאטש זאגן ווידוי און דערנאך וועל איך דיר הרגענען!

דעם חסיד ווערט שלעכט אבער פלוצלונג טראכט ער פאר זיך די צורה פון זיין הייליגן צדיק וואס האט האט אים אנגוואונטשן און ער דערמאנט זיך פון זיין האלצענעם בעכער וואס דער רבי האט אים געזאגט אז דאס וועט זיין א שמירה. דער חסיד זאגט פארן רויבער אז איך האב גאר טייערע בראנפן וואס איך האב יעצט געקויפט און איך וויל טרינקען מיט דיר א לחיים אין א בעכער וואס עס מיר זייער טייער פאר איך זאג ווידוי!

דער רויבער האט מסכים געווען און דער חסיד פילט אן דעם האלצערנעם בעכער מיט די גוטע בראנפן און דער רויבער גיט א שמעק און זעט אז עס איז טאקע גוטע בראנפן און נעמט זיך טרינקען די גאנצע גלאז און זיי זאגן לחיים, און דער רויבער הייסט דער חסיד גיין זאגן ווידוי! דער חסיד האט נישט קיין ברירה און זאגט ווידוי מיט בכיות און בעט דער אויבערשטן זאל אים העלפן אין דעם עת צרה און טראכט פון הייליגן צדיק און זיינע ברכות.

ווען דער חסיד קומט צום וואגן זעט ער ווי דער גוי ליגט אויפן ערד און דער איד גייט צו אים נאנט און זעט אז דער רויבער איז געשטארבן. ער טראכט וואס צו טאן ווייל אויב ער וועט לאזן דעם טויטן רויבער דא, אפשר וועלן די משפחה פון רויבער רופען די פאליציי אים איינזעצן און חושד זיין אז ער האט געהארגעט דעם רויבער, ער איז מחליט אז ער נעמט ארויס דעם בעכער פון די הענט פון רויבער און שלעפט אים ארויף אויף זיין וואגן און באהאלט דעם גוף אונטער די פעל, און טראכט ביי זיך אז ער וועט באלד אנקומען אין א אידישע שטעטל און וועט באצאלן פאר די חברה קדישא זיי זאלן אים ערגעץ באגראבן און קיינער וועט זיך נישט דערוויסן פון דעם און ער וועט גיין לחיים ולשלום.

דער חסיד גיט ווייטער א שבח והודאה פארן אויבערשטן פאר די נס און פארט אין וועג. ווען ער איז אנגעקומען אין דעם נאנטע אידישע שטעטל, הערט ער ווי מען רופט אויס אז דער וואס וועט ברענגען צו די פאליציי, א רויבער וואס האט שוין געהארגעט אסאך מענטשן אין דעם וואלד לעבן שטאט, סיי לעבעדיג אדער טויט, וועט מען אים באלוינען מיט 30,000 רייניש. דער חסיד טראכט אז דא וועט ער שוין קענען פטור ווערן פון קערפער פון רויבער און וועט נאך פארדינען א שיינע באלוינונג.

דער חסיד גייט צו די פאליציי סטאנצי' און בעט צו זען א בילד פון דעם רויבער. ווען דער חסיד באקוקט דעם בילד, דערקענט ער קלאר אז דער רויבער ליגט ביי אים אין וואגן, האט ער געמאלדן פאר די פאליציי אז ער האט די רויבער אין זיין וואגן. און א אפיצער איז געגאנגען מיט אים צו זען אויב עס איז טאקע דער רויבער אדער נישט, און ווען דער אפיצער האט געקוקט גוט האט ער געזאגט אז דאס קען זיין דער רויבער!

דער אפיצער האט געברענגט דעם טויטן רויבער צום פאליציי סטאנצי' און א מומחה האט פעסטגעשטעלט אז דאס איז דער רויבער, האט מען זייער געדאנקט דעם חסיד און אים אויס געפרעגט ווי אזוי ער האט אים געקענט הרגענען אין דער צייט וואס דער רויבער האט געראיבט און געהארגעט הונדערטער מענטשן אן קיין רחמנות? דער חסיד האט זיי דערציילט די מעשה מיטן בעכער וואס זיין הייליגן רבי ר' דוד מלעלוב האט אים מיט געשיקט און ווען דער רויבער האט געטרונקען פון דעם כוס איז ער געשטארבן. און ער האט זיי געוויזן דער האלצערנעם בעכער. עס איז געווארן א קידוש ה'. די פאליציי האט שנעל געמאלדן אז דער שרעקליכער רויבער איז שוין טויט און די סכנה פון פארן אין דעם וואלד איז שוין נישטא. דער חסיד האט באקומען זיין באלוינונג און איז געפארן אהיים א פרייליכער.

אויפן וועג איז ער פריערט אריין צו זיין הייליגן רבין און דערציילט אלעס וואס עס איז פארגעקומען מיט אים און האט געגעבן פארן רבין א שיינעם פדיון אלץ הכרת הטוב. דער רבי האט אים געדאנקט פארן קומען דערציילן די גוטע נייעס און אים געוואונטשן ווייטער אויף הצלחה. דער חסיד איז אהיים געפארן און געעפנט א פאבריק פון פעל און האט מצליח געווען און געווארן א גרויסער בעל צדקה און שטענדיג דערציילט דעם מורא'דיגן מופת וואס דער צדיק ר' דוד מלעלוב האט פארפראוועט מיט אים זיע"א


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן* -
ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. 2 בריוו פון הגאון ר' יונתן שטייף פון פעסט פסקי דינים. **נועם אלימלך דפוס סלאוויטא חסר דף האחרון**, מטבע משנת תשע"ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$,** מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסקער גדול, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון הגאון מהרי"א אסאד 7500$, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. פסק דין פון פנים מאירות. א בריוו פון הייליגן דברי חיים מצאנז און פון דברי יחזקאל משינאווא, אויך דער ברודער פון דברי חנה, הרה"ק ר' נפתלי רובין חתן שינאווא רב, ספר מגיני שלמה וויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב"א קידושין עם הגהות הגאון ר' צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ**. קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר וייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***
מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת